בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' מסעי

**כיתה ב' (א-ב)**

**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** די ערשטע צעהן פסוקים, און אויך די לעצטע פסוק.

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**הלכה:** מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מיט די מנהגים פון שבת און די ל"ט מלאכות.

**א גוט שבת**

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

**די מסעות פון די אידן**

די אידן זענען ארויס פון רעמסס צומארגנס וואס מ'האט מקריב געווען דעם קרבן פסח ט"ו ניסן, זיי זענען געגאנגען אין מדבר, און דארט זענען זיי געפארן צוויי און פערציג מסעות, זיי האבן זיך ארום געדרייט אין מדבר, וויבאלד די גאנצע דור איז געשטארבן דעמאלטס אין מדבר און זיי זענען נישט אריין אין ארץ ישראל צוליב די עבירה פון די מרגלים, און נאך וואס אהרן הכהן איז נפטר געווארן איז געווען נאך אכט מסעות ביז ווען זיי זענען אריין אין ארץ ישראל.

**די פטירה פון אהרן**

אהרן הכהן איז נפטר געווארן ראש חודש אב, מיט מיתת נשיקה, און איז באערדיגט געווארן אין הור ההר.

**די גרעניצן פון ארץ ישראל**

דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו וואס זענען די גרעניצן פון ארץ ישראלח ווען מ'וועט עס איינעמען, ווייל ס'איז דא מצוות וואס מ'קען מקיים זיין נאר אין ארץ ישראל דווקא, אזוי ווי שמיטה מיט יובל א.א.וו.

**ערי מקלט**

דער אייבישטער האט באפוילן אז מ'זאל אויפשטעלן ערי מקלט, און די מענטשן וואס וועלן הרגענען מענטשן בשוגג זאל אוועק לויפן אין איינע פון די שטעט און די קרובים פון די מענטשן וואס זענען געשטארבן וועלן נישט קענען אריינגיין דארט צו נקמה נעמען און הרגענען דעם רוצח, און אויב האט ער גע'הרג'עט במזיד קען דער קרוב יא אריינגיין דארט איהם צו הרג'ענען.

מיר האבן מסביר געווען אז בית דין קוקט גוט איבער אויב מ'האט גע'הרג'עט בשוגג אדער במזיד, און מ'הרג'עט נישט נאר אויב עדים האבן געזעהן.

דער רוצח בלייבט דארט אין די ערי מקלט ביז ווען דער כהן גדול וועט שטארבן, פארוואס? וויל דער כהן גדול האט געדארפט מתפלל זיין אז ס'זאל נישט פאסירן אזא אומגליק ווען ער לעבט.

און כדי די רוצחים זאלן נישט מתפלל זיין אז דער כהן גדול זאל שטארבן, פלעגט די מאמע פונעם כהן גדול ברענגען פאר זיי עסן כדי זיי זאלן נישט בעטן אז דער כהן גדול זאל שטארבן.

מיר האבן ערקלערט אז אויב דער רוצח איז אריין אין די ערי מקלט און צומארגנס איז דער כהן גדול נפטר געווארן גייט דער רוצח ארויס פריי.

**שבת מברכין אב: "אב" איז ראשי תיבות: אלול בא**

# שאלות מיט תשובות

**א. ווען זענען די אידן ארויס פון מצרים?**
צומארגנס וואס מ'האט מקריב געווען דעם קרבן פסח ט"ו ניסן.

**ב. וויפיל מסעות זענען די אידן געפארן?**
צוויי און פערציג מסעות.

**ג. ווען איז אהרן הכהן נפטר געווארן?**
ראש חודש אב.

**ד. וועלכע מצוה איז שייך דווקא אין ארץ ישראל?**
שמיטה, יובל, א.א.וו.

**ה. ווער דארף גיין אין ערי מקלט?**
ווער ס'האט גע'הרג'עט א מענטש בשוגג בלי כוונה.

**ו. און אויב איינער האט גע'הרג'עט במזיד און מיט כוונה?**
בית דין הרג'עט אים.

**ז. ביז ווען בלייבט ער אין ערי מקלט?**
ביז ווען דער כהן גדול וועט שטארבן.

**ח. און וואס האט מען געמאכט אז זיי זאלן נישט מתפלל זיין אז דער כהן גדול זאל שטארבן?**
די מאמע פון כהן האט געברענגט פאר זיי צו עסן.

**מיר האבן אויך ארומגערעדט איבער די נושא אז מ'דארף מכבד זיין איינער דעם צווייטן, ווייל צוליב די עבירה פון שנאת חינם איז חרוב געווארן די בית המקדש. [מיר האבן פארציילט די מעשה פון קמצא און בר קמצא].**

**ניגון:**

## יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ. עִיר צִיּוֹן תְּמַלֵּא

# יח. ב' בתי נירין



מ'טאר נישט שבת אריין פעדעמען די חוטים צווישן די צוויי רינגען וואס הייסן נירין. אזוי אויך טאר מען נישט אריינלייגן א פאדעם אין א לאך פון א נאדל.

# יט. אורג



מ'טאר נישט שבת אריין פעדעמען די חוט פון "ערב" אין די חוט פון "שתי" און דורך דעם מאכן דערפון שטאף (בד). אזוי אויך טאר מען נישט מאכן א קויש פאר משלוח מנות אדער א קוישעלע פאר א לולב, וואס ווערט צוזאם געשטעלט איפן זעלבן אופן.

# כ. פוצע



מ'טאר נישט שבת אראפ נעמען די פאדים'ס וואס ס'איז איבער געבליבן ביים נייען. און אזוי אויך טאר מען נישט שלעפן א פאדים וואס קומט ארויס פון א בגד.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ו**

**חומש:** ____________________

**סיפר פרשת השבוע:** ____________________

**שירים:** ____________________

**נושא השבוע:** ____________________

**ברכת המזון:** ____________________

**התנהגות כללית:** ____________________

**קר"ש שעל המיטה:** ____________________

**התפלל:** ____________________

**הערות:** ____________________

**חתימת ההורים** ____________________

צוריק שיקן זונטיג די "מעשה ביכל"